בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א ביי סעודה שלישית, שבת
פרשת טהרה, און שבת פרשת במדבר
שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שבת קודש פרשת טהרה, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית, האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט אין ספר הקדוש 'שבחי הר"ן', סימנים י, יא, יב.

לשון רבינו זכרונו לברכה, סימן י: אַךְ עִקַּר עֲבוֹדָתוֹ אֲשֶׁר עַל יָדָהּ זָכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה; הָיָה רַק רִבּוּי הַתְּפִלּוֹת וְהַתְּחִנּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת וְהָרִצּוּיִים וְהַפִּיּוּסִים, שֶׁהָיָה רָגִיל מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ. וְהָיָה מְרַצֶּה וּמְפַיֵּס אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה מִינֵי תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁיְּזַכֵּהוּ בְּרַחֲמָיו לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְעִקַּר מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ הָיוּ הַתְּפִלּוֹת שֶׁהִתְפַּלֵּל בִּלְשׁוֹן 'אַשְׁכְּנַז', שֶׁהָיָה רָגִיל מְאֹד לְיַחֵד לוֹ אֵיזֶה מָקוֹם שֶׁמָּצָא שֶׁאֵין שָׁם בְּנֵי אָדָם וְהָיָה מְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ בַּלָּשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ, (דְּהַיְנוּ בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז). וְהָיָה מְרַצֶּה וּמְפַיֵּס אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ וּמְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי טְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת שֶׁרָאוּי לוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ, וְהָיָה רָגִיל בָּזֶה מְאֹד מְאֹד וְהָיָה מְבַלֶּה יָמִים וְשָׁנִים עַל זֶה. גַּם הָיָה מַטְמִין עַצְמוֹ עַל גַּבֵּי בֵּית אָבִיו, תַּחַת הַגַּג, שֶׁהָיָה שָׁם כְּמוֹ חֶדֶר בִּמְחִצָּה שֶׁל קָנִים שֶׁמַּחֲזִיקִין שָׁם תֶּבֶן וּמִסְפּוֹא, וְשָׁם הָיָה מַטְמִין עַצְמוֹ וְהָיָה אוֹמֵר תְּהִלִּים וְהָיָה צוֹעֵק בְּלַחַשׁ לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּזַכֵּהוּ לְקָרְבוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. וְהַכְּלָל: שֶׁכָּל הַמִּינֵי בַּקָּשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁנִּמְצָאִים בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁיִּהְיֶה הַמָּצוּי בֵּינֵינוּ הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל – לֹא הִנִּיחַ שׁוּם תְּחִנָּה וּבַקָּשָׁה שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים, הֵן תְּהִלִּים וְסֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" וְהַבַּקָּשׁוֹת הַנִּדְפָּסִים בְּהַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וּשְׁאָר מִינֵי בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת, וַאֲפִלּוּ הַתְּחִנּוֹת הַנִּדְפָּסִים בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז – כֻּלָּם לֹא הִנִּיחַ מִלְּאָמְרָם, וְהָיָה רָגִיל לוֹמַר כָּל הַתְּחִנּוֹת שֶׁאַחַר "מַעֲמָדוֹת" הַנִּדְפָּסִים אַחַר כָּל יוֹם וָיוֹם. וְהוּא הָיָה רָגִיל לוֹמַר כָּל הַתְּחִנּוֹת כֻּלָּם שֶׁל כָּל הַיָּמִים, בְּפַעַם אֶחָד. גַּם הָיָה רָגִיל לִפְעָמִים לוֹמַר בַּתְּהִלִּים רַק הַפְּסוּקִים הַמְדַבְּרִים מִתְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וּצְעָקָה לַה' יִתְבָּרַךְ, וְהָיָה אוֹמֵר רַק פְּסוּקִים אֵלּוּ וְהַשְּׁאָר לֹא הָיָה אוֹמֵר. וְהָיָה אוֹמֵר כָּל הַפְּסוּקִים הָאֵלּוּ מִכָּל סֵפֶר

תְּהִלִּים בְּפַעַם אֶחָד. וּמִלְּבַד כָּל זֶה, הָעִקָּר הָיָה, מַה שֶּׁהָיָה מִתְפַּלֵּל מֵעַצְמוֹ, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁהָיָה רָגִיל לְדַבֵּר מִלִּבּוֹ לִפְנֵי ה׳ יִתְבָּרַךְ (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז), שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל וְטוֹעֵן לִפְנֵי ה׳ יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי טְעָנוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁאָמַר מִדַּעְתּוֹ וּמִלִּבּוֹ כַּנַּ״ל שֶׁיְּזַכֵּהוּ ה׳ יִתְבָּרַךְ לַעֲבוֹדָתוֹ. וְזֶהוּ הָעִקָּר מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ לִזְכּוֹת לְמַה שֶּׁזָּכָה. כָּךְ שָׁמַעְנוּ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ. עד כאן לשון רבינו זכרונו לברכה.

איבערטייטש: דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז ער איז צוגעקומען צו וואס ער איז צוגעקומען ווייל ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן, און אסאך געשריגן צום אייבערשטן. ער האט זיך באהאלטן אין בוידעם ביי זיין טאטען אין שטוב, דארט איז געווען א באזונדערע שטוב וואו מען האט געהאלטן שטרוי פאר די בהמות, דארט פלעגט ער זיך באהאלטן, ער פלעגט דארט זאגן תהלים, און שרייען צום אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אים, ער זאל ווערן אן ערליכער איד. און ווען ער איז געווען יונג האט ער געזוכט אין אלע ספרים וואו עס איז דא תפילות, בקשות און תחינות. יעדע תפילה און בקשה וואס איז דא אין ספרים און עס געזאגט זייער אסאך מאל, סיי תהלים, סיי די תפילות פון ספר שערי ציון, און אלע תפילות וואס זענען געדרוקט אין די גרויסע סידורים, אזוי אויך די אידישע תחינות, קיין שום תפילה האט ער נישט אויסגעלאזט, אדרבה ער האט געזוכט ווי מער צו זאגן און בעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, צו לערנען וכו׳. און ר׳ נתן פירט אויס די שיחה: דורך דעם האט ער זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

לשון רבינו זכרונו לברכה, סימן יא: וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר לִפְנֵי ה׳ יִתְבָּרַךְ דִּבְרֵי תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת מִלִּבּוֹ, וְנִזְדַּמֵּן לוֹ בְּתוֹךְ דִּבּוּרָיו טְעָנוֹת יָפוֹת וּתְפִלּוֹת נְכוֹנוֹת וּמְסֻדָּרוֹת וְהוּטְבוּ בְּעֵינָיו, וְהָיָה כּוֹתְבָם אֶצְלוֹ לְזִכָּרוֹן לְמַעַן יִהְיֶה רָגִיל לְהִתְפַּלֵּל אוֹתָם גַּם אַחַר־כָּךְ. וְכֵן הָיָה רָגִיל בְּעִנְיָן זֶה לְדַבֵּר בֵּינוֹ

לְבֵין קוֹנוֹ הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד וְכָל תְּפִלּוֹתָיו הָיוּ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְה׳ יִתְבָּרַךְ. וְהָיוּ לוֹ טְעָנוֹת גְּדוֹלוֹת לְה׳ יִתְבָּרַךְ עַל זֶה.

סימן יב: וְאַף־עַל־פִּי־כֵן, הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל. כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵה׳ יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא - מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. אַךְ אַף־עַל־פִּי־כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ. וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה, שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת־הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל־כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים. אַחַר־כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי ה׳ יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ׳ וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ׳ וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי ה׳ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ״ל. וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים.

איבערטייטש: דער הייליגער רבי האט דערציילט אז ער איז אריבער אזוי סאך שוועריקייטן אין זיינע יונגע יארן; ווען ער פלעגט רעדן צום אייבערשטן האט זיך אים שטענדיג געדאכט אז קיינער קוקט נישט אויף אים און מען הערט נישט אויס אויבן אין הימל וואס ער בעט, פארקערט, ווי מער ער פלעגט רעדן צום אייבערשטן האט זיך אים אלץ מער געדאכט ווי מען דארף אים נישט, ווייל ער האט געזען אז עס גייען אריבער אסאך יארן און ער האט נאך אלץ נישט זוכה געווען צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, דערפאר האט זיך אים געדאכט אז קיינער הערט אים נישט אויס, אדרבה עס האט אים אויסגעזען ווי מען שטופט אים אוועק פון די קדושה, מיט דעם אלעם האט ער זיך זייער געשטארקט

און נישט אויפגעהערט מיט זיין עבודת השם יתברך, אסאך מאל האט זיך געמאכט ביים רבי'ן אז ער איז געווארן זייער צעבראכן, זעענדיג אז ער האט שוין אזוי סאך געדאווענט און געבעטן אבער עס דאכט זיך אים אז מען דארף אים נישט, און ער האט אויפגעהערט מאכן התבודדות, ביז ער האט זיך געכאפט וואס ער האט געטון און ער האט זיך זייער פארשעמט אז ער האט נאכגעלאזט פון די הייליגע עבודת השם, האט ער צוריק אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן, אזוי איז געווען אסאך מאל.

## די היילונג פונעם מצורע

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: יעדער מענטש וואס וויל אנהייבן דינען דעם אייבערשטן גייט אריבער די סארט שוועריקייטן, מען פרובירט אנצוהייבן רעדן צום אייבערשטן אבער מען שפירט ווי דער אייבערשטער דארף מיך נישט, קיינער הערט מיך נישט אויס; אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אזוי גייט עס ווען מען וויל ווערן אן ערליכער איד, דער מענטש שפירט ווי קיינער דארף אים נישט, ער האט שטארקע ראיות אז מען דערווייטערט אים; אבער - פירט דער רבי אויס: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דאס איז נאר א וועג ווי אזוי מען וויל דערנענטערן דעם מענטש צום אייבערשטן, און אויב דער מענטש איז שטארק ביי זיך און ער דערהאלט זיך, דאן וועט ער אלעס אריבער גיין און ער וועט זוכה זיין צו אלע מדריגות וואס איז נאר פארהאן.

די וואך לערנען מיר אין די פרשה אז ווען איינער באקומט א נגע, ער איז געווארן קרעציג, מוז ער ארויסגיין פון אלע דריי מחנות, זיך אפזונדערן פון מענטשן. דאס איז מרמז אויף וואס דער רבי לערנט אונז, מיר זאלן מאכן 'התבודדות', זיך אויסשמועסן דאס הארץ יעדן

טאג מיט׳ן אייבערשטן, דערפאר זאגט די תורה אז א קרעציגער מענטש זאל זיך אפזונדערן פון מענטשן, כדי ער זאל זיך קענען מתבודד זיין מיט׳ן אייבערשטן, ער זאל אים דערציילן אלע זיינע מעשים וואס ער האט געטון און חרטה האבן אויף זיי, ער זאל זאגן פאר׳ן אייבערשטן אז ער וויל שוין פון היינט אן ווערן אן ערליכער איד, און דאן וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן אויף אים און אים אויסהיילן פון זיין קרעץ.

דאס לערנט אונז דער הייליגער רבי, מיר זאלן יעדן טאג אראפנעמען אפאר מינוט פונעם טאג און רעדן צום אייבערשטן; יעדער מענטש, נישט חילוק אין וועלכע מצב ער געפונט זיך, קען דורכ׳ן טון דעם גרינגען עצה פון ׳התבודדות׳ צוקומען צו די העכסטע מדריגות. מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין מקיים זיין אלע מצוות וואס ער האט באפוילן; אפילו א זאך וואס מען ווייסט אז מען האלט נאכנישט דערביי, מען קען עס נאכנישט מקיים זיין, זאל מען כאטש נישט אפלאזן דעם ׳ווילן׳ עס צו טון און אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין עס צו קענען טון, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן אז מען וועט זוכה זיין עס צו טון.

## שבת איד

מען דארף גאר אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זין צו זין אן ערליכער איד, זאגן פאר׳ן אייבערשטן: **״הייליגער באשעפער העלף מיר איך וויל זיין אן ערליכער איד״**. אמאליגע צייטן זענען געווען מענטשן וואס מען האט גערופן ׳יום כפור אידן׳, א גאנץ יאר זענען זיי נישט געקומען אין שול, אויסער איין טאג אין יאר, ׳יום כפור׳ דעמאלט זענען זיי געקומען אין שול דאווענען, היינט איז ליידער אויך דא ענליך צו דעם, עס זענען דא ׳שבת אידן׳, א גאנצע וואך איז ער זייער פארפלאגט און פאריאגט, ער קומט נישט אן אין שול צום דאווענען, נאר שבת וואס ער האט אביסל צייט דעמאלט קומט ער אין שול דאווענען, דארף מען

אויף דעם אויך מאכן א תפילה, בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו קומען אין שול דאווענען: **"הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל יעדן טאג קומען אין שול דאווענען שחרית, מנחה און מעריב, איך וויל נישט זיין א 'שבת איד' וואס קומט נאר שבת אין שול דאווענען, איך וויל זוכה זיין צו קומען יעדן טאג אין שול דאווענען"**. און אזוי אויך מיט אלע אנדערע זאכן, צום ביישפיל, דאס לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג, אז דו קענסט נאכנישט באווייזן צו לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא - בעט עס כאטש פונעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף מיר איך וויל יעדן טאג לערנען דעם דף גמרא"**.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

## שבת קודש פרשת במדבר, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית, האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט הערליכע דברי התחזקות, אלס הכנה צום הייליגן יום טוב שבועות, הבא עלינו לטובה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: געלויבט דעם אייבערשטן, מיר שטייען יעצט גאר נאנט צום הייליגן יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה.

עס ווערט געברענגט אין שלחן ערוך (אורח חיים סימן תכח, סעיף ד'): "לְעוֹלָם קוֹרִין פָּרָשַׁת בְּמִדְבַּר סִינַי קֹדֶם עֲצֶרֶת", שטענדיג ליינט מען פרשת במדבר פאר שבועות. מוהרא"ש זכרונו לברכה איז דאס מסביר לויט ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפב): אז אפילו א מענטש וואס איז א רשע גמור רחמנא לצלן, אויב קוקט מען אויף אים מיט א גוט אויג און מען זוכט אין אים גוטע זאכן, אפילו מען זאל טרעפן אין אים בלויז איין פינטעלע גוטס, העלפט מען אים מיט דעם אז ער זאל ארויס גיין פון זיין שלעכטס און ער ווערט אויס רשע, ער ווערט א צדיק. דער רבי טייטשט מיט דעם דער פסוק (תהלים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אז מען טרעפט 'וְעוֹד מְעַט' - א קליינע גוטע זאך, וואס אין דעם איז ער 'וְאֵין רָשָׁע', דאס הייסט אז מיט די זאך איז ער גוט, 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ' - נאכדעם ווען איך קוק אויף אים, זע איך 'וְאֵינֶנּוּ' - נישט דא מער דאס שלעכטס, ער איז נישט דער זעלבער מענטש פון פריער, ער איז געווארן א צדיק. דאס איז נישט נאר געזאגט געווארן לגבי אנדערע, נאר אויך לגבי דער מענטש אליינס, אז א מענטש וויל מקבל זיין די תורה, ער וויל זיך אנהייבן פירן גוט, דארף ער זוכן דאס ביסל גוטס וואס ער פארמאגט, זיך פרייען דערמיט, דורך דעם וועט ער קענען דערגרייכן צו וואס ער וויל דערגרייכן.

רש"י זאגט די וואכעדיגע סדרה אינעם ערשטן פסוק: "מִתּוֹךְ

חִבָּתָן לְפָנָיו מוֹנֶה אוֹתָם כָּל שָׁעָה", ווייל דער אייבערשטער האט ליב די אידן ציילט ער זיי צו יעדע צייט; דאס הייסט אז דער אייבערשטער האט געציילט די אידן יעדע שטיק צייט, צו ווייזן אז יעדער איד איז א באזונדערער געציילטער איד, און יעדער איד איז באזונדער חשוב ביים אייבערשטן. דערפאר ליינט מען שטענדיג פרשת במדבר בעפאר שבועות, צו ווייזן אז יעדער איד איז א געציילטע איד, יעדער איד איז זייער חשוב, און אזוי קען מען צוגיין צו מקבל זיין די תורה מיט גרויס חשק און געשמאק.

מען פירט זיך אין די זומער וואכן צו זאגן יעדע וואך 'פרקי אבות', איידער מען הייבט אן, זאגט מען די משנה פון מסכת סנהדרין (פרק י, משנה א): "כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר". לכאורה דארף מען פארשטיין וואו קומט די משנה דא אריין, ביי מסכת אבות? זאגט מוהרא"ש, ווייל מסכת אבות איז דאך פול מיט מוסר רייד, אויסצולערנען דעם מענטש ווי אזוי זיך צו פירן, אבער ווען מען זאגט מוסר פאר א מענטש קען ער ווערן זייער צעבראכן, און אנשטאט ער זאל זיך טוישן צום גוטן קען עס מאכן דאס פארקערטע, דער מענטש זאל אלעס אפלאזן און גארנישט טון, דערפאר הייבט מען אן מיט דעם משנה, 'כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא', אלע אידן זענען אנגעגרייט צו באקומען עולם הבא, דער אייבערשטער האט יעדן ליב, יעדער איד איז זייער חשוב ביים אייבערשטן.

דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: "אן התעוררות וואס קומט פון מוסר, האלט נישט אן צו לאנג, ווידער אן התעוררות וואס קומט ארויס פון א חיזוק שמועס - דאס האלט אן א לאנגע צייט"; דערפאר ווען מען רעדט מוסר דארף מען אויך דערביי אסאך מחזק זיין, אלע זאלן שפירן ווי דער אייבערשטער האט זיי ליב און דער אייבערשטער איז מיט זיי,

און דאן וואס די ווערטער אויפטון און אריינגיין אין די הערצער פון די צוהערער.

יעדער מענטש דארף טון פאר'ן אייבערשטן וואס ער קען טון, מען קען נישט נאכמאכן דעם וואס מען זעט א צווייטן טון; צום ביישפיל, אז מען זעט איינעם אויפשטיין יעדן טאג דאוונען וָתִיקִין, קען מען אים נישט יעצט מקנא זיין און נאכמאכן אויך אנצוהייבן דאוונען וָתִיקִין, דאס איז דאך נישט געמאכט פאר דיר, דו דארפסט שלאפן מער פון יענעם, איין זאך קען מען יא נאכמאכן, איך זע ווי יענער דינט דעם אייבערשטן מיט א שטארקקייט – וועל איך אויך דינען דעם אייבערשטן מיט א שטארקקייט, אבער איך וועל טון וואס איך קען, און יענער זאל טון וואס ער קען.

א מענטש דארף זיך מחיה זיין מיט די מצוות וואס ער טוט; עס זענען דא מענטשן וואס זייער גאנצע שמחה און חיות פונעם יום טוב שבועות איז דאס אז ער איז אויפגעווען א גאנצע נאכט, א צווייטער פריידט זיך מיט דעם אז ער האט אויסגעזאגט דעם גאנצן 'תיקון ליל שבועות', אבער די אמת'ע שמחה דארף זיין מיט די יום טוב אליין, 'ברוך השם איך היט יום טוב', היטן יום טוב איז נאך א גרעסערע תיקון פון דאס אויפזיין שבועות ביינאכט און פון דאס זאגן גאנץ 'תיקון ליל שבועות'; אוודאי דארף מען אויפזיין ביינאכט און זאגן דעם תיקון, אבער דער חיות פונעם יום טוב דארף זיין דאס פשטות פונעם יום טוב, דער יום טוב אליינס דאס איז שוין די גרעסטע חיות פון מענטש.

אויב טוט מען די אלע שיינע מנהגים פונעם טאג מיט נערוון, מיט אנגעצויגנקייט, רחמנא לצלן, דעמאלט איז א שאד די גאנצע זאך, ענדערש זאל מען שבועות ביינאכט נאך די סעודה ליינען קריאת שמע, אנגרייטן נעגל וואסער און זיך לייגן שלאפן, ווי איידער מאכן א נערוון פון דאס אויפזיין; עלטערן וואס אלע מנהגים ווערן ביי זיי א נערוון, אן

אנגעצויגענע זאך וועלן זייערע קינדער זוכן צו אנטלויפן פונעם יום טוב רחמנא לצלן, אלע מנהגים זענען נאר געמאכט אויב מען איז פרייליך מיט'ן יום טוב - דעמאלט קען מען צולייגן די אלע זאכן, אבער דאס וויכטיגסטע זאך איז צו זיין פרייליך.

איך געדענקט ביי מיין זיידען, הגאון הצדיק גאב"ד קארלסבורג זכר צדיק לברכה, ווי יעדע מצוה איז ביי אים געווען אזא שמחה, זיין גאנצע חיות איז געווען פון די הייליגע מצוות; איך האב אים שטענדיג געזען זינגען און טאנצן, גלייך נאך סוכות האט ער שוין געזינגען: "וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים..." זיך געפריידט אז עס קומט שוין דער יום טוב חנוכה, נאך חנוכה האט ער שוין געזינגען: "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה..." זיך געפריידט אז עס קומט שוין דער יום טוב פורים, נאך פורים האט ער שוין געזינגען: "קָרֵב יוֹם אֲשֶׁר הוּא לֹא יוֹם וְלֹא לַיְלָה..." זיך געפריידט אז עס קומט שוין דער יום טוב פסח, נאך פסח האט ער שוין געזינגען: "עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ..." זיך געפריידט אז עס קומט שוין דער יום טוב שבועות, אזוי האט ער זיך שטענדיג געפריידט און זיך מחיה געווען מיט דעם אייבערשטנ'ס מצוות וואס מיר זענען זוכה צו טון; א גאנצן שבת האט ער זיך אונטער געזינגען 'אַה שַׁבָּת', 'אַה שַׁבָּת'.

דאס דארפן מיר טון, זיך מחיה זיין מיט די פשוט'ע זאכן וואס מען טוט, מיט די פשטות יהדות; 'ברוך השם איך האב פיאות', 'ברוך השם איך האב א בארד', 'ברוך השם איך היט שבת', 'ברוך השם איך היט יום טוב'.

אז מיר וועלן זיך פרייען און האלטן טייער יעדע קליייניקייט וואס מען טוט פאר'ן אייבערשטן, זוכן יעדע 'נקודה טובה', יעדע קליינע גוטע זאך פון זיך און זיך מחיה זיין דערמיט, וועלן מיר זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה מיט גרויס חשק און געשמאק.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.